# ס׳לויפֿן, ס׳יאָגן שוואַרצע וואָלקנס

אַ וויגליד

טעקסט: ה. ד. נאָמבערג

ס׳לויפֿן, ס׳יאָגן שוואַרצע וואָלקנס,
ס׳פֿײַפֿט און ברומט דער ווינט –
פֿון סיביריען שיקט דײַן טאַטע
דיר אַ גרוס, ,מײַן קינד!

נאָר דער ווינט ער ברענגט אונדז גרוסן
פֿון דעם קאַלטן לאַנד;
דאָרטן שטייט ער, אַ לאָפּאַטע
האַלט ער אין דער האַנט.

און ער גראָבט אַלץ טיפֿער, טיפֿער,
וואַרפֿט די ערד אַרויס.
זאָרג ניט קינד מײַנס - פֿאַרן שקר
גראָבע ער קבֿרים אויס.

ניט דער ערשטער, ניט דער לעצטער
פֿאַלט ער אויפֿן פֿעלד -
זאָרג ניט, קינד מײַנס, דיך געבוירן
האָט אַ גרויסער העלד.

און אַ העלד וועסטו אויסוואַקסן,
שלאָף זשע, שלאָף אַצינד;
זאַמל כּוחות פֿאַר דער צוקונפֿט,
זאַמל, איינציק קינד!